# אין זאַקסישן גאָרטן

**א**

קלענער, קלענער, קלענער
ווערן אין הימל די פֿלאַמען.

די פֿאַרמאַטערטע וואָלקנס לייגן זיך אויס
אויף לאַנגע פּערלמוטערנע בעטלעך
און רוען זיך אָפּ.

---

* אין בוך לידער און עסייען (צונויפֿגעשטעלט פֿון ה. לייוויק, ניו־יאָרק 1955) זענען די געבראַכטע לידער ניט אַרײַן.

שטיל, שטיל
רעדן די גומענע רעדער
מיט דעם אַספֿאַלט אין גאַס פֿאַרן גאָרטן.

די גרויסע שטאָט איז פֿאַרנומען געוואָרן
דורך די בלויע שאָטנס.

דער הויכער, הייסער טאָג
האָט זיך געבויגן, געבויגן, געבויגן
ביז ער איז געפֿאַלן. —

נו, באַוועגן זיך פֿרײַער דיביימער
און טרייסלען אַראָפּ פֿון די קעפּ
די לעצטע פֿונקען.

נו, ליגט איצט דער אָונט
אין דער סאַזשלקע קיל
צווישן צוויי שוואַנען.

עס קוקן די שוואַנען
און שווײַגן און שווימען
ווײַס דורכן טונקל,
ווײַס דורכן טונקל.

און הערן זיך צו
ווי אַן אַלטער מאַן שפּרײַזט
בײַם ברעג פֿונעם וואַסער
און מורמלט צו זיך:
— ווי גוט... ווי גוט...
געלויבט איז דער בורא!..
אַך...

ב

פֿון דער וועראַנדע בײַם „זומער־טעאַטער" *
לויפֿט
אַרויס געזונטערהייט
אין דער טונקעלער אַלעע
אַ געלעכטער.

---

* „טעאַטער־לעטני" אין זאַקסישן גאָרטן.

אין נישט־געזעענער, מאַרמאָרנער שטילקייט
שטייען די סטאַטועז בײַ די זײַטן,
האַלטן די נאַכט אויף די אַקסלען,
און די נאַכט פּרייט זיך — —
שטערן... שטערן... שטערן...

נאָנט צו זיי
וואַקסט דער שטאַלץ פֿון דיביימער...

אויף אַ באַנק אין אַ ווינקל
זיצט אַ ייִנגל אַליין
פֿאַרטראַכט זיך און זינגט:

„פֿעלן דען ליכטיקע
שטערן אין הימל?
פֿעלן דען טײַערע
מיידלעך אויף דר׳ערד?
ביסטו הײַנט נישט געקומען, —
וועסטו מאָרגן זײַן;
און אויב דו האָסט שוין אַ צווייטן
האָב איך אַנדערע נײַן...״

די ווערענדע ווערט לער.
אין „זומער־טעאַטער״
הייבט זיך איצט אָן
דער צווייטער אַקט — —

פֿון פּוילן, ערשטעס זאַמלבוך, וואַרשע, מײַ 1920.